**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול וועהלט אויס צוויי פירמעס צו פאראויס שטופן קלימאט טעכנאלאגיע ערפינדונגען און מעניופעקטשורינג אין ניו יארק סטעיט

***ADL Ventures* און *SecondMuse* וועלן דורכפירן פראגראמען פארבינדנדיג ביזנעסלייט און סטאַרט-אָפּס מיט מיטלען, סופליי טשעין שותפים און מעניופעקטשורערס**

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אויסוואהל פון ADL Ventures און SecondMuse צו פאראויס שטופן קלימאט טעכנאלאגיע ערפינדונגען און מעניופעקטשורינג אין ניו יארק סטעיט. די פירמעס וועלן אנטוויקלען און דורכפירן פראגראמען – די ערשטע פירמע ClimateTech Growth Platform און די צווייטע פירמע Manufacturing Corps (M-Corps) – וועלכע פארבינדן ביזנעסלייט און סטאַרט-אָפּס מיט מיטלען, סופליי טשעין שותפים און מעניופעקטשורערס אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, גיבנדיג דין קדימה פאר פארבינדונגען אין געגנטער מיט וויניגער סערוויסעס. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהל פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050.

"ניו יארק'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין ניי-ערפינדענע טעכנאלאגיעס שטופט פאראויס אונזער קאמף קעגן קלימאט טויש בשעת'ן איינפלאנצן די קערנדלעך פאר עקאנאמישע וואוקס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס שאפן געלעגנהייטן צו פארבינדן אונזער שפע פון מיטלען פאר ביזנעס און מעניופעקטשורינג מיט פירמעס אריבער די וועלט וועט העלפן ברענגען די בעסטע לייזונגען וועלכע קענען דאן גענוצט ווערן אין ניו יארק כדי צו פארמינערן עמיסיעס אריבער די סטעיט."

דורך די גרענטס שטעלט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו א סך הכל פון מער פון 12 מיליאן דאלאר פאר די צוויי פירמעס כדי צו צושטעלן ביזנעס מיטלען פאר יונגע פירמעס אונטער די ClimateTech Growth Platform און פאר קלימאט טעכנאלאגיעס אויף א גרויסן פארנעם דורך דעם M-Corps פראגראם. די צוויי פראגראמען וועלן שפילן א הויפט ראלע ביים פלעגן נייע טעכנאלאגיעס צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, טראנספארטאציע און אינדוסטריע און צו מאדערניזירן די עלעקטריציטעט גריד אין ניו יארק סטעיט.

ADL Ventures איז געשאנקען געווארן 8.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג כדי צו דורכפירן די ClimateTech Growth Platform און זיי וועלן צושטעלן א רייע פון ביזנעס מיטלען וועלכע וועלן העלפן פירמעס וועלכע זענען נאך אין די שטאפלען פארן ווערן קאמערשעל און אין וואוקס שטאפלען צו ארויפברענגען טעכנאלאגיעס וועלכע רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס אויפן מארקעט. די מיטלען און

סערוויסעס רעכענען אריין שטיצע מיט עצות, 'מארקעט אינטעלידזשענס' און אויפטרייבן געלט און שטיצע מיט הלוואות און אזוי אויך ביז אזויפיל ווי 2 מיליאן דאלאר אין גרענטס וועלכע ווען ווערן ארויסגעגעבן פאר די בעסטע פארשלאגן. מיטלען וועלן אריינרעכענען אנטוויקלונג פון אן אינטערנעט פארטאל צו פארגרינגערן צו צוקומען צו אינפארמאציע און צו העלפן מאכן באשלוסן, און אזוי אויך וועלן זיי אריינרעכענען שותפות'ן וועלכע קענען העלפן זיך שטארקן איבער געווענטליכע שטרויכלונגען אויף די מארקעט, צום ביישפיל מיטן טרעפן אינוועסטירער, בויען מאנשאפטן, קאסטומער סערוויס און הדרכה.

דורך דעם M-Corps פראגראם וועט SecondMuse אויסנוצן 3.7 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו פארבינדן סטאַרט-אָפּס מיט מיטלען כדי צו העלפן פארגרעסערן די פארנעם פון פראדוקציע פון טעכנאלאגיעס וואס רעדוצירן עמיסיעס אדער ענערגיע באנוץ. דער M-Corps פראגראם וועט אויך אויפבויען א סופּלייער נעטווארק אין די סטעיט צו פארבינדען ערפינדנדע קלימאט טעכנאלאגיע פירמעס דירעקט מיט מעניופעקטשורערס און סופּלייערס צו פאראויס טרייבן צוזאמענארבעט און נייע שותפות'ן. דער פראגראם וועט זיין אפן פאר לאקאלע און אלוועלטליכע פירמעס מיט סערוויסעס צו באקומען פאר אלע געגנטער פון ניו יארק סטעיט מיט א דגש צו גיבן פריאריטעט פאר פארבינדונגען און געלעגנהייטן אין באזייטיגטע קאמיוניטיס.

די ClimateTech Growth Platform פאלגט נאך NYSERDA'ס ערפאלגרייכער **'ריינע-ענערגיע אינקיובעיטאר' (Clean Energy Incubator) פראגראם** וואס האט געשטיצט צוטריט צו אינוועסטירער, מענטארס, אנטוויקלונג שותפים און מיטלען צו העלפן ארויפברענגען פראדוקטן אויף די מארקעט אריבער די סטעיט. אין צוגאב איז דאס די דריטע מאל וואס דער M-Corps פראגראם חזר'ט זיך איבער מיטן העלפן פירמעס מאכן וויכטיגע באשלוסן אין פארבינדונג צו מעניופעקטשורינג אנטוויקלונג כדי צו ערפאלגרייך ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט אין ניו יארק סטעיט. פאריגע ווערסיעס פון דעם M-Corps פראגראם וועלכע זענען געשטיצט געווארן דורך NYSERDA האבן געהאלפן פאראויס שטופן קלימאט טעכנאלאגיע ערפינדונג שוין זינט 2017.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "NYSERDA'ס שותפות מיט ADL Ventures און מיט SecondMuse וועט אינספירירן צוזאמענארבעט אין די ריינע-ענערגיע אינדוסטריע וואוס פירט צו די אנדעקונג פון נייע כלים צו באקעמפן קלימאט טויש און צו פארשטעלן ניו יארק סטעיט אלס א לאקאציע וואו ריינע-טעכנאלאגיע ביזנעס קען בליהען. די פארבינדונגען וועלכע ווערן געמאכט דורך די פראגראמען וועלן העלפן פאראויס שטופן די נייעסטע טעכנאלאגיעס אין אונזער ערפינדונגען פעלד בשעת'ן מאכן וואקסן א שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע פארזיצער, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק פאר צו אנטוויקלען און פארשטערקערן די אנטוויקלונג פון א ריינע-טעכנאלאגיע אינדוסטריע. די צוויי פירמעס – און די פילע אנדערע וועלכע זענען שוין דא – וועלן העלפן באקעמפן קלימאט טויש און אריינברענגען נייע עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער."

**ADL Ventures שותף, קריס ריטשארדסאן, האט געזאגט,** "די ClimateTech Growth Platform איז א אלוועלטליכער ביזנעס אונטערנעמונגען אנטוויקלונג פראגראם וואס וועט אראפנידערן די שטייגנדע קלימאט אין ניו יארק סטעיט און ווייטער דורכן פאראייניגן מוחות און טעכנאלאגיעס הונטער בערך 100 ערפינדנדע סטאַרט-אָפּס אין א דינאמישע דיגיטאלע קאמיוניטי. ADL Ventures און אונזער אינדוסטריע פון ערפארענע ביזנעסלייט וועלן העלפן קלימאט סטאַרט-אָפּס אין אלע שטאפלען צו רעפינירן זייערע וואוקס סטראטעגיעס, גיין צום מארקעט און פארבינדן ווערן מיט די ביזנעס קליענטן און אינוועסטירער

וועלכע וועלן זיין גאר וויכטיג ביים פארגרעסערן די פארנעם פון די קומענדיגע דור פון פראדוקטן און לייזונגען וועלכע העלפן לייזן די קלימאט קריזיס."

**SecondMuse קאָו-CEO, טאַד קאָוזין, האט געזאגט,** "SecondMuse איז איבערגעגעבן צו שטיצן ביזנעסלייט און ארגאניזאציעס אין זייערע באמיאונגען צו באשיצן דעם פלאנעט און צו שאפן א בעסערע צוקונפט דורך נייע סארטן פראגראמען. אונזער קאנצענטראציע איז זיך צו באנעמען מיט שווערי‏גקייטן פארבינדן מיט דאס איפטרייבן געלטער פאר קלימאט טעכנאלאגיע, לאקאלע מיסט מענעדזשמענט, ריסייקלינג און אנדערע וויכטיגע קלימאט פעלדער. מיר שטרעבן צו טרעפן לייזונגען וועלכע ערמעגליכן פירמעס צו האבן א פאזיטיווע השפעה און ערגרייכן זייערע קלימאט ציהלן. די באנייאונג פון אונזער שותפות מיט NYSERDA באשטעטיגט ווידער SecondMuse'ס איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן מציאות'דיגע פראבלעמען און צו אויסנוצן נייע און שעפערישע קלימאט טעכנאלאגיעס. מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו פארזעצן אונזער רייזע אין ריכטונג פון א שטאנדהאפטיגער פלאנעט און צו ביישטייערן צו לייזן די קלימאט קריזיס דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט NYSERDA און מיט די פארגרעסערונג פון קלימאט טעכנאלאגיע (Scale for ClimateTech) פראגראם."

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג און צו ארייינברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט צו שטיצן ערפינדער וועלכע פארשנעלערן די נייע טעכנאלאגיעס צו אראפנידערן עמיסיעס און באערדיגן קארבאן וועלכע זענען נויטיג צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס [ערפינדונג](ערפינדונג) פראגראם גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אין דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, ארייינרעכנענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, היים אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנצירונג פאר די אינציאטיוון קומט פון די סטעיט'ס 10-יאריגע 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די פינאנצירונג איז פארעפנטליכט אויף NYSERDA'ס [וועבזייטל](וועבזייטל).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35% – שטרעבנדיג צו 40% – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, ארייינרעכנענדיג צו אנקומען צו 70% ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, ארייינרעכנענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע

באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און אן איבער 3,000% וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן